


# עלעקטראנישע בענעפיט טרענספער (EBT)

## וויאזוי צו נוצן אייער בענעפיט קארטל צו באקומען פוד סטעמפס און/אדער קעש בענעפיטן

Pub-4596-YI (Rev. 10/08)
YIDDISH

## <u>אייער בענעפיט קארטל</u>

- האלט אייער קארטל אין אייער קארטל האלטער און אויף א זיכער פלאץ ווען איר נוצט עס נישט.
- שרייבט אונטער די פארקערטע זייט פונעם קארטל.
- שרייבט נישט און קראצט נישט אויף די שווארצע שטרייף אויף די אונטערשטע זייט פון אייער קארטל.
- לייגט נישט אייער קארטל נעבן מאגנעטן. אויב אייער קארטל איז געשעדיגט געווארן אדער צובויגן געווארן, וועט עס מוז ווערן ערזעצט דורך אייער לאקאלע הילף צענטער.
- אויב אייער קארטל איז פארלוירן, געשעדיגט אדער גע'גנב'עט געווארן, רופט פאר אלעמען אין דעם קאסטומער סערוויס פון EBT אויף **1-888-328-6399**.
- אויף דער אונטער זייט פון אייער קארטל ווייזט זיך דער Quest® צייכן.

## <u>אייער PIN</u>

PIN איז ראשי תיבות פאר פערזענליכע אידענטיטעט נומער.

- אייער PIN איז אייער עלעקטראנישע אונטערשריפט.
- עס אנטהאלט פיר (4) נומערן.
- אייער בענעפיט קארטל וועט נישט ארבעטן אן אייער PIN.
- אויב איר האט פארגעסן אייער PIN אדער אויב איר ווילט טוישן אייער PIN, סיי וועלכע צייט, רופט **1-888-328-6399**. דאס פירט מען אויס מיט איין אײנציקן טעלעפאן רוף; מען וועט פון אייך פארלאנגען באשטימטע אינפארמאציע, פאר זיכערהייט.
- אויב איר לייגט אריין אייער PIN נישט ריכטיג פיר מאל איינס נאך דעם אנדערן, וועט אייער אקאונט ווערן פארשלאסן ביז דעם קומענדיגן טאג, אפילו אויב איר וועלט אויס א נייע PIN.
- **האלט אייער PIN פאר א סוד!**
- **שרייבט קיינמאל נישט ארויף אייער PIN אויף אייער קארטל.**
- לאזט קיינמאל קיינעם נישט, אפילו נישט דעם וואס ארבעט ביי די קאסע אין געשעפט, זען וויאזוי איר דרוקט אריין אייער PIN ביי א מאשין.
- **גיט קיינמאל נישט ארויס אייער PIN פאר קיינעם. אויב א מענטש האט אייער קארטל און ווייסט אייער PIN קענען זיי באנוצן אלע אייערע בענעפיטן.**
- אויב עמיצער אנדערש נוצט אייער קארטל און PIN וועלן אייערע <u>בענעפיטן נישט ווערן ערזעצט.</u>
- אויב איר דארפט אז א פריינט אדער נאענטער קרוב זאל קאנען צוקומען צו אייערע EBT בענעפיטס, פרעגט זיך אן ביי אייער לאקאלער אגענטור וועגן באשטימען אן אויטאריזירטן רעפרעזענטאנט פאר אייער פאל.

## ווי אזוי צו נוצן אייער קארטל אין געשעפט

1. איידער איר קויפט איין, קוקט איבער אייער לעצטע רעסיט צו זען וויפיל געלט עס איז נאך דא אין אייער אקאונט, אדער רופט **1-888-328-6399** פאר אייער באלאנס. דאס איז א פרייע קאל.

2. מערסטנס שפייז געשעפטן אקצעפטירן די EBT קארטל. קוקט נאך אויב איר זעט די קוועסט (Quest®) טאוול אויף די טיר אדער פענסטער פון געשעפט.





3. אסאך געשעפטן וואס ווייזן נישט די קוועסט (Quest®) טאוול וועלן אקצעפטירן די קארטל. אויב איר זעהט נישט דעם טאוול פרעגט אן איינגעשטעלטע איידער איר קויפט איין.

4. ביים באצאלן, ווערט אייער קארטל דורכגעפירט דורך די מאשין, אדער דורך אייך אליין אדער דורך דעם וואס שטייט ביי די קאסע.

5. פאלגט די אנווייזונגען אויף דער מאשין כדי אריינצודריקן אייער PIN . נאר איר אליין זאלט אריינדריקן אייער PIN.

6. זאגט פאר דעם וואס שטייט ביי די קאסע וויפיל געלט אריין צו דריקן, אדער דריקט אליין אריין די סומע.

7. קוקט אלעמאל איבער אייער רעסיט זיכער צו מאכן אז די סומע אויפ'ן EBTאיינקויף איז די זעלבע ווי אויפן גראסערי רעסיט.

## קוקן אייער פוד סטעמפס און/אדער קעש איינקויף באלאנסעס

קוקט אייער באלאנס **איידער** איר קויפט איין אדער נעמט ארויס קעש!

איר קענט טון אן **אומזיסטע** באלאנס אנפראגע ביי:

- שפייז געשעפטן צו קוקן אייער עסן אקאונט.
- ATM s צו קוקן אייער קעש אקאונט ווי EBTקארטלעך ווערן אקצעפירט.
- אנרופנדיק אומזיסט דעם קאסטומער סערוויס אויף דעם נומער **1-888-328-6399**
- אויף דעם אינטערנעט: www.ebtaccount.jpmorgan.com

## פוד סטעמפ איינקויף

- נוצט אייער פוד סטעמפ בענעפיט אקאונט איינצוקויפן עסן. איר קענט נישט צוריק באקומען קעש פון אייער פוד סטעמפ אקאונט.
- געדענקט, איר קענט נאר קויפן ערלויבטע עסנווארג פראדוקטן מיט אייער עסנווארג בענעפיטן.
- אלע פוד סטעמפ טראנזאקציעס זענען אומזיסט. עס איז נישט דא קיין גרעניץ צו די צאל פון וויפיל איר קענט נישט אייער קארטל פאר פוד סטעמפס בענעפיט טראנזאקציעס.

## קעש איינקויף

- מען קען קויפן סיי וועלכע זאך נוצנדיג אייער קעש בענעפיט אקאונט וואו EBT קארטלעך ווערן אנגענומען.

## ארויסנעמען קעש

- טייל געשעפטן וועלן אייך ערלויבן צוריק צו באקומען קעש איבער די קאסט פון אייער איינקויף.
- טייל געשעפטן וועלן אייך ערלויבן ארויסצונעמען קעש אן איינצוקויפן.
- איר מוזט אויספאלגן די געשעפט'ס פאליסי וועגן די ערלויבטע סומע פאר צוריקגעבן קעש אדער ארויסנעמען.
- אויב איר נוצטביידע, סיי א פוד סטעמפ בענעפיט אקאונט און סיי א קעש בענעפיט אקאונט, אין די זעלבע צייט, וועט אייער קארטל ווערן דורכגעפירט די מאשין מוויי מאל, און איר מוזט אריינלייגן אייער PIN צוויי מאל.

## ווי‌אזוי צו נוצן אייער בענעפיט קארטל ביי אן "אויטאמאטישע טעלער מאשין" [ATM]

קלויבט אויס אן ATM אויף א פלאץ וואו איר שפירט זיך זיכער.
פאלגט אלעמאל אויס די אנווייזונגען אויף די ATM
לייגט אריין אייער קארטל אין די מאשין.

- דריקט אריין אייער PIN.
- לאזט קיינמאל קיינעם נישט זען וויאזוי איר דריקט אריין אייער PIN.
- דריקט אויף Withdrawal.
- דרוקט אויף Checking.
- דריקט אריין די צאל דאלארן וויפיל איר ווילט.
- נעמט אייער קעש, קארטל, און רעסיט, אזוי וועט איר וואוסן וויפיל איר האט איבערגעבליבן אין די אקאונט.נעמט אייער קעש, קארטל, און רעסיט, אזוי וועט איר וואוסן וויפיל איר האט איבערגעבליבן אין די אקאונט.
- קוקט איבער די רעסיט זיכער צו מאכן אז עס איז די זעלבע ווי די סומע וואס איר האט באקומען.

> - איר וועט קענען ארויסנעמען צוויי מאל יעדע חודש פריי אן צו דארפן צאלן, בייATM  o וואס האבן נישט קיין סור-טשארדזש.
> - יעדע איבריגע ATM באנוץ וועט אייך קאסטן and 50¢אפילו ביי ATM 'o וואס האבן נישט קיין סור-טשארדזש.
> - די פרייז וועט אויטאמאטיש ווערן ארויסגענומען פון אייער קעש בענעפיט אקאונט. איר וועט נישט באקומען קיין שום אנדערע מעלדונג אז דער סומע איז געווארן גערעכנט .

**ווארענונג:** א טייל לאקאלן רעכענען $1.00 אדער מער פארן ארויסנעמען קעש. זוכט א מעסעדש אויפ'ן ATMוואס אינפארמירט אייך וועגן דעם סור-טשארדזש איידער איר נעמט ארויס עפעס קעש.

> איר קענט רופן **1-800-289-6739** פריי, אויס צו געפונען די ATMo אין אייער געגנט וואס רעכענען **נישט** פאר צוריקגעבן קעש אדער פאר ארויסנעמען קעש .



## אידענטיטעט גנבה: פאַרטעדיקט אייער EBTבענעפיטס

אויב עמיצער רופט אייך אָן, זאָלט איר ניט איבערגעבן אייער פערזענלעכע אינפאָרמאַציע ווי צ"ב אייער סאָשאַל סעקיוריטי נומער, אייער EBT קאַרטל נומער אָדער דעם PIN פון EBT. אפילו אויב ווער עס רופט אָן זאָגט אַז ער אָדער זי ארבעט פאַר אַ לאָקאַלער אייזשענסי, אַ שטאַט, אַדער איז אַ פעדעראַלער אָדער EBT באַאַמטער, זאָלט איר ניט איבערגעבן אייער פערזענלעכע אינפאָרמאַציע.

אויב איר זייט חושד אדער ווייסט:

- אַז מען האט געגנבעט אייער קאַרטל אָדער קאַרטל נומער; אָדער
- אז עמיצער וועמען איר האָט דאָס ניט דערלויבט, ווייסט אייער PIN; אָדער
- אַז עמיצער האָט באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן אייער אידענטיטעט אַזוי אַרום אַז מען וועט אפשר גנבענען אייערע בענעפיטס.

דאַן זאָלט איר טאָן די דריי (3) זאַכן:

1. איר **מוזט** אָנרופן דעם EBTקאסטומער סערוויס (**1-888-328-6399**) כדי צו מעלדן אַז מען האָט געגנבעט אייער EBT קאַרטל. דער EBTקאסטומער סערוויס וועט אַנולירן אייער קאַרטל אזוי אַז מער קיינער קען עס ניט באַנוצן. נאָר אויב איר וועט פריער אָנרופן דעם EBT קאסטומער סערוויס כדי צו אַנולירן אייער EBT קאַרטל וועט איר זיך שוצן קעגן דער מעגליכער גניבה פון אייערע בענעפיטס.
2. רופט אָן אייער לאָקאַלן אייזשענסי אָנגעשטעלטן כדי צו מעלדן וועגן דעם פראָבלעם און צו פאַרלאַנגען אַן "EBT ARU PIN Restriction" – "EBT איי.אַר.יו. PIN רעסטריקשן". אַלס קאַרטל אייגנטימער וועט איר דאַרפן אונטערשרייבן אַ דערלויבעניש ביי אייער אייזשענסי אָדער אַסיסטאַנס סענטער כדי מען זאָל דאָס דורכפירן.דורך דעם מיטל, קען אייער אייזשענסי פאַרמיידן עמיצער זאָל בייטן דעם PIN אויפן טעלעפאָן, דורך דער הילף ליניע פון EBTקאסטומער סערוויס , אָדער דורך דעם אינטערנעט אויף דעם וועב פלאַץ פון קאַרטל חשבונות. ווען איר וועט דאָס טאָן, וועט נאָר איר – פערזענלעך, מיטן קאַרטל אין האַנט – קענען בייטן דעם PIN ביי דער אייזשענסי אָדער אַסיסטאַנס סענטער.
3. פאַרלאַנגט פון אייער אַרבעטער ער אָדער זי זאָל אייך אַרויסגעבן אַ ניי EBT קאַרטל. מיר רעקאָמאַנדירן איר זאָלט אויסקלייבן אַ נייעם PIN פאַר אייער קאַרטל, ביי דער אייזשענסי אָדער אַסיסטאַנס סענטער.

## וועב פלאַץ פון קארטל חשבונות

איר קענט באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן אייער חשבון (אָדער חשבונות) דורך אינטערנעט. באַזוכט www.ebtaccount.jpmorgan.com. פאַרשרייבט אייער קאַרטל נומער און PIN און איר וועט קענען:

- וויסן וויפל בלייבט אייך אין חשבון;
- וויסן די פרטים פון דער אַקטיוויטעט אין חשבון;
- באַקומען אין מאָמענט אַ באלאנס פון אייער חשבון;
- טוישן אייער PIN (סיידן איר האט א באגרענעצונג אויף דעם PIN)
- זיך דירעקט קאמוניקירן מיט דעם קאסטומער סערוויס פון EBT; און
- מעלדן אז אייער קארטל איז באשעדיקט געווארן, האט זיך פארלוירן אדער מען האט עס געגנבעט.

דאָס וועבפּלאַץ דערמעגליכט אייך אויך שאַפן אייער אייגענעם חשבון ID און וואָרטצייכן נאָך דעם ערשטן אַריינטריט אין וועב פלאַץ. איר מוזט באַנוצן דעם נומער פון דעם נייעסטן אַקטיוון קאַרטל כדי אַריינצוטריטן. אויטאָריזירטע רעפרעזענטאַנטן קענען אויך באַנוצן דאָס זעלבע וועבפּלאַץ כדי צו באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן חשבון מיט זייער אייגן EBT קאַרטל און PIN.



## אפּגעמעקטע בענעפיטס

אן אָפּגעמעקטער (expunged – "עקספּאַנדזשד") בענעפיט איז אַ בענעפיט וואָס ווערט **אַרויסגענומען** פון אַ קעש אָדער פוד סטעמפּ חשבון. אין דעם פּראָגראַם פּאַר קעש בענעפיטס זאָגט זיך אויב איר באַנוצט ניט אייער חשבון 90 טעג (גערעכנט איינער נאָך דעם אַנדערן), וועט יעדער קעש בענעפיט וואָס איז געבליבן אין חשבון אָפּגעמעקט ווערן. איר קענט בעטן אייער אַרבעטער ווידער אייך אַרויסצוגעבן יעדער קעש בענעפיט פּאַר וועלכן איר זייט ווייליק.

אין דעם פוד סטעמפּ פּראָגראַם זאָגט זיך אַז אויב איר באנוצט ניט אייער פוד סטעמפּ חשבון 365 טעג (גערעכנט איינער נאָך דעם אַנדערן), וועט יעדער פוד בענעפיט וואָס איז נאָך אין חשבון און איז מינדעסטנס 365 טעג אַלט אָפּגעמעקט ווערן. אָפּגעמעקטע פוד סטעמפּ בענעפיטס קענען ניט ווידער אַרויסגעגעבן ווערן.

## טעותים אין EBT טראנזאקציעס

עס טרעפט זיך אַמאָל אַ **סיסטעם** טעות פון EBT בשעת אַ טראַנזאַקציע (קעש אָדער פוד סטעמפּ), און אז פון דעם טעות נעמט זיך א טעות אין דעם באלאנס פון חשבון. אַ פּאָר ביישפילן פון EBT סיסטעם טראַנזאַקציע טעותים:

- אויב איר האָט איינגעקויפט מיט פוד סטעמפּס, און מען האָט אייך אומקאָרעקט צוויי מאָל אַראפּגערעכנט פון חשבון פּאַר דעם זעלבן איינקויף; אָדער
- אויב אַן ATM האָט אייך געגעבן נאָר $20 ווען איר האָט פּאַרלאַנגט $40, אָבער מען האָט אייך פּאָרט אַראָפּגערעכנט $40 פון אייער קעש חשבון.

אויב איר גלויבט אז א **סיסטעם** טעות (ניט א טעות פון אן אנגעשטעלטן) האט אומקארעקט פארקלענערט אייער באלאנס אין חשבון, מעגט איר צושטעלן א בקשה (א "קליים") פאר א תיקון טעות ("אקאונט אדזשאסטמענט") ביי דעם EBT קאסטומער סערוויס. איר האט 90 טעג פון דער דאטע ווען איר גלויבן אז עס איז געשען דער טעות כדי צוצושטעלן אייער קליים.

- קליימס וועגן א פוד סטעמפּ חשבון ווערן אין אלגעמיין געלעזט אין 15 טעג.
- קליימס וועגן א קעש חשבון ווערן געלעזט אין ביז 30 טעג.
- דער EBT קאסטומער סערוויס וועט אייך געבן א קליים נומער מיט וועלכן איר קענט זיך אנפרעגן ווי עס האלט מיט אייער קליים.

בשעת אירווארט מען זאל באשליסן וועגן אייער קליים, קען אייער לאקאלע אייזשענסי אדער אסיסטאנס סענטער ניט אייך צוריקשטעלן דאס וואס איר פאדערט. אויב איר האט אן עמערזשענסי אדער א תיכפדיקע נויט, קענט איר זיך אנפרעגן ביי אייער לאקאלער אייזשענסי אדער אסיסטאנס סענטער וועגן דער נויט.



## ווען צו רופן קאסטומער סערוויס

דאס איז א פרייע קאל.
**1-888-328-6399**

עס איז דא צו באקומען קאסטומער סערוויס 24 שעה א טאג 7 טעג א וואך. אייער קאל וועט ווערן געענטפערט דורך אן אויטעמאטישע סיסטעם. איר וועט ווערן געפירט דורך "מעניו" אויסוואהלן כדי צו העלפן דורכפירן אייער קאל.

***רופט אויב:***

- איר דארפט אייער פוד סטעמפ אדער קעש אקאונט באלאנס.
- איר האט פראגען אדער פראבלעמען מיט אייער פוד סטעמפ אדער קעש אקאונט אינפארמאציע.
- אייער קארטל איז פארלוירן אדער גע'גנב'עט געווארן.
- איר זיינט חושד אז עס איז געשען א טראנזאקציע טעות און איר ווילט צושטעלן א קליים
- איר דארפט אינפארמאציע איבער ניצן אייער בענעפיט קארטל אדער PIN.

**<u>וויכטיקע מעלדונג</u>: פון דעם 15טן אויגוסט 2007 קען מען מער ניט אָנרופן דעם EBT קאַסטומער סערוויס פון א פייפאָן (א טעלעפאָן אויף מטבעות).**

***מענטשן מיט דיסעביליטיס קענען ניצן די פאלגענדע נומער פאר הילף:***

***TTY נוצערס : 1-800-662-1220***
***פאר די וואס ניצן נישט TTY: 1-800-421-1220***
***VCO נוצערס : 1-877-826-6977***

## <u>דאס איז דער געזעץ</u>

זיך נישט ריכטיג באנוצן אדער אביוז'ן אייער קארטל וועט גורם זיין אן אויספארשונג דורך די סטעיט און/אדער פעדעראלע אינסטאנצן. דאקומענטירטע פארלעצונגען וועלן גורם זיין שטראפן וואס שליסן איין:

- דיס-קוואליפיצירונג פונעם פראגראם
- צוריקבאקומען דורך צוריקהאלטן/צוריקצאלן
- רעקאמענדירן פאר קרימינאלע אנקלאגעס

<u>עס איז א פארברעכן צו פעלשעווען דעם סיסטעם אדער זיך נישט ריכטיג באנוצן מיט אייער קארטל</u>

**ניו יארק סטעיט**

ניו יארק סטעיט אפיס איבער צייטווייליגע
און דיסעביליטי הילף